

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

### תרומה

# ברײנדי'ס גאלדענע ארעם-באנד

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת תרומה

# בריינדי'ס גאלדענע ארעם-באנד

### ט"ו ניסן, יאר ב' אלפים תמ"ח

אפרים לאנגער האט געשפאנט פרייליכערהייט מיט זיין פאמיליע, בשעת זיי האבן פארלאזט זייער היים אין גושן אינאיינעם מיט כלל ישראל אויפ'ן וועג ארויס פון מצרים דורך רעמסס. פלוצלינג האט הערשי, אפרים'ס עלטערער ברודער, זיך האסטיג אפגעשטעלט.

"הערשי," איז אפרים געווארן היסטעריש, "מיר יאגן זיך! וואו גייסטו?!

"איך האב זיך נאר עפעס דערמאנט. קום מיר שנעל נאך!" האט הערשי גערופן צו אפרים.

אפרים האט נאכגעיאגט הערשי צום הויז פון דזאובע, דער מצרי וואס פלעגט זיי צווינגען צו ארבעטן ביטער שווער, טאג איין טאג אויס. דזאובע איז יעצט געשטאנען אינדרויסן פון זיין הויז צוקוקנדיג ווי אזוי די בני ישראל פארלאזן מצרים.

היי, מר. דזאובע!" האט הערשי געפאכעט צו אים.

"היי, הערשי!" האט דזאובע רעאגירט מיט א געמאכטע פריינטליכקייט, "איך הער אז איר גייט אויף אן אויספלוג! הא?"

"יא, זאג עס נאכאמאל!" האט הערשי ברייט געשמייכלט, "זיי מוחל, געב מיר נאר אהער דיין גאלדענע ארעם-באנד (ברעיסלע"ט)!"

דזאובע האט זיך געמאכט תמ'וואטע, ווי ער פארשטייט בכלל נישט וואס מען וויל פון אים האבן. "ארעם-באנד? ווער האט אן ארעם-באנד? איך האב נישט קיין גאלדענע ארעם-באנד..."

"דו ווייסט אז ס'איז נישט שיין צו זאגן ליגנט. מיר ווייסן גאנץ פיין אז דו האסט א גאלדענע ארעם-באנד," האט הערשי אים געשטעלט אין פלאץ.

"יא," האט זיך אפרים אריינגעמישט, "מיר האבן עס אליינס געזען ביי מכת חושך ווען איר זענט געשטאנען ווי געלעמטע קלעצער און מיר האב באזוכט דיין הויז. איך וויל אויך נעמען די שטיקער גאלד וואס דו האסט דארט!"

"און ביטע לאז אונז נישטווארטן לאנג," האט הערשי אים אנגעזאגט, "מיר איילן זיך שטארק."

בלית ברירה איז דזאובע אריין אין הויז און אפאר מינוט דערויף איז ער צוריקגעקומען מיט די ארעם-באנד און די גאלד שטיקלעך, און עס געגעבן פאר הערשי און אפרים.

"מיין כלה, בריינדי וועט זיין העכסט גליקליך מיט די שיינע מתנה!" האט הערשי געזאגט צו אפרים, דעריאגנדיג זייער משפחה און כלל ישראל אויפן וועג ארויס פון מצרים.

## י"ז כסלו, מדבר סיני

אפרים מיט זיין חבר הערש מיילעך זענען אויפן וועג אהיים, נאך א לאנגע טאג ארבעט ביים העלפן בויען די גאלדענע מזבח.

"דו ווייסט, הערש מיילעך?" האט אפרים זיך אנגערופן צו זיין חבר, "איך בין אזוי פרייליך אז מיין ברודער הערשי האט חתונה געהאט צו דיין שוועסטער בריינדי. געב א קוק ווי געטרייביידע פאמיליעס געבן זיך איבער צו בויען דעם משכן - ס'איז א הערליכע שידוך!"

"יא זיכער!" שטימט הערש מיילעך צו, "איבערהויפט נאך די מעשה פון בריינדי'ס ארעם-באנד."

"טאקע," זאגט אפרים, "הערשי האט געהאט די קאפ אויפ'ן פלאץ צו געדענקען צו בעטן פון דזאובע די ארעם-באנד אין די לעצטע רגע איידער מיר האבן זיך ארויסגעיאגט פון מצרים.

"ניין ניין, נישט דאס האב איך געמיינט," האט הערש מיילעך קלאר געמאכט, "איך רעד פון דעם וואס בריינדי האט אוועקגעגעבן דעם ארעם-באנד בשעת מען האט צאמגענומען די תרומות.



"זי האט אוועקגעגעבן דעם ארעם-באנד?!?!?!" האט אפרים אויסגעשריגן ווען זיין זעקל מן גליטשט זיך שיעור ארויס פון זיינע טרייסלדיגע הענט. "פארוואס האט זי עס געטון???"

"ווייל זי האט געוואלט אז מען זאל עס ניצן פאר'ן משכן," האט הערש מיילעך געענטפערט שטאלץ און פרייליך.

"הא הא! דו מיינסט צו זאגן אז ווען מיר העלפן בצלאל איבערצודעקן דעם מזבח מיט גאלד, קען גאר

מעגליך זיין אז די גאלד קומט פון די ארעם-באנד וואס הערשי האט באקומען פון דזאובע און עס געגעבן פאר ברײנדי?״ האט אפרים געוואלט פארשטיין.

״יא, איך גלייב אזוי,״ זאגט הערש מיילער פריילִיכערהייט. ״ברײנדי זאגט אז זי איז געווען אזוי פריילִיך צו מנדב זיין איר טייערסטע און שענסטע צירונג אויף צו קענען בויען דעם משכן.

״יעצט אז דו זאגסט מיר, דערמאן איך זיך טאקע אז איך האב היינט צופרי געזען הערשי פריילִיכערהייט טאנצן נעבן זיין געצעלט בשעת ער האט צאמגענומען זיין מן. דאס מוז זיין די סיבה!״ האט אפרים מיטגעטיילט מיט הערש מיילער. ״איך מוז דיר זאגן אז ס׳איז נישט פשוט. זייט מכות חושך האט הערשי נישט אויפגעהערט צו רעדן איבער די ארעם-באנד פון דזאובע וואס ער וויל ארויסוויישן צו געבן פאר ברײנדי. ער האט נאך געמאכט זיכער אין די לעצטע מינוט צו לויפן צו דזאובע אפנעמען די ארעם-באנד. און ברײנדי האט טאקע געזאגט אז דאס איז די שענסטע צירונג וואס זי האט נאר אמאל געזען.״

״וואספארא זכי׳ האבן מיר צו געהערן צו א משפחה וואס האבן אזא געוואלדיגע שמחה פון אוועקגעבן דאס טייערסטע צירונג פאר הקדוש ברוך הוא!״

## אדר תשע״א,
## ישיבת לומדי תורה אין שיקאגא

״אינגעלעך, גענוג,״ האט רבי שפירא צוריקגעברענגט די אינגלעך צום באוואוסטזיין.

אפרים׳ס אויגן האבן זיך אויפגעריסן. ער האט געמיינט אז ער איז עכט אין מדבר. רבי שפירא האט געהייסן אז אלע אינגלעך זאלן צומאכן זייערע אויגן און זיך פארשטעלן ווי זיי זענען עכט אין מדבר אויפן וועג ארויס פון מצרים. און ס׳האט טאקע אויסגעזען אזוי אמת׳דיג!

״אינגלעך, איך האף אז איר האט זיך גוט אויסגעמשל׳ט די גאנצע מעשה. דאס איז א וויכטיגע זאך. עס איז נישט גענוג צו לערנען די חומש און מיינען אז דאס איז א מעשה וואס האט פאסירט פאר טויזנטער יארן צוריק. די תורה איז אמת - אלעס וואס עס שטייט דארט געשריבן איז פאר אונז, היינטיגע צייטן אין יאר תשפ״ב!

הגה״צ רבי אביגדור מיללער ז״ל לערנט אונז אז ס׳איז זייער וויכטיג נישט נאר צו הערן די מעשה נאר זיך פאקטיש פארשטעלן אז מיר זענען דארט געווען - צו מאכן די ווערטער פון די תורה ממש לעבעדיג יעדעס מאל וואס מיר לערנען איבער די פסוקים!״



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר׳ משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**